# פרשת בהר בחוקותי י"ח – כ"ד אייר תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת בהר בחוקותי***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יצחק אהרן שטייף** הי"ו (ב"פ), ושל בן הר"ר **דוד כ"ץ** הי"ו (מאנסי).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לפלעטבוש והשתתף אצל החופה של הר"ר **אלעזר יואל גאלדבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **צבי מאיר פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם יאנג איזריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

בשעות הערב ערך **רבינו שליט"א** סעודת ל"ג בעומר בבית מדרשינו בוויליאמסבורג. **רבינו שליט"א** שר הזמר בר יוחאי והזמר ואמרתם כה לחי, ושרו אמר רבי עקיבא. אחר כך דרש **רבינו שליט"א** לכבוד היום (נדפס בגליון דברי תורה).

*

***יום שני פרשת בהר בחוקותי***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש אלכסנדר. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם חיים אליהו** (בן הר"ר שרגא צבי הי"ו) **פישמאן** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אם** בחוקותי תלכו, ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם (ויקרא כו-ג), די תורה גיט די אלע ברכות אויב מען וועט גיין בדרכי התורה. אין **בעל הטורים** שטייט, א'ם ב'חוקותי ת'לכו איז די ראשי תיבות 'אבת', און ער זאגט על פי דרכו, וואס דער קשר איז. - מען וואונטשט אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. מען וואונטשט נישט ביי קיין שום אנדערע מצוה אזא סארט ברכה, אז אזוי ווי ער האט מקיים געווען די מצוה, זאל ער מקיים זיין אנדערע מצות, נאר ביי א ברית מילה.

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטן ז"ל**, אז מצות מילה איז דאך די חשוב'סטע מצוה וואס א יוד איז מקיים, עס איז נכרתו עליה י"ג בריתות (נדרים לא:). און דער אייבערשטער האט צוגענומען די מצוה פונעם קינד אליין, און ער האט עס איבערגעגעבן פאר די עלטערן. יעדע מצוה דארף מען אליין מקיים זיין ווען מען איז א גדול, און די מצוה פון מילה האט דער אייבערשטער צוגענומען פונעם קינד, און געהייסען אז די עלטערן זאלן מל'ן דאס קינד ווען ער האט נאכנישט קיין שכל, ער איז נאך נישט א בר דעת, ביי די אכט טאג זאל מען אים אריינברענגען בבריתו של אברהם אבינו.

**דער** אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען, אז כניסת ברית פון א יוד איז, אז מען גייט מיט די שכל פון די עלטערן, און נישט מיטן אייגענעם שכל. ווען מען גייט אריין בבריתו של אברהם אבינו, טוה עס נישט מיט דיינע כוונות, נאר טוה עס מיט די כוונות וואס דיינע עלטערן פירן דיך אריין. דיין טאטע האט אים אויך זיין טאטע אריינגעברענגט בבריתו של אברהם אבינו, און דאס גייט צוריק ביז אברהם אבינו. מצות מילה האט מען קיינמאל נישט געטון אליין, מען האט עס אלץ געטון על דעת פון די אבות. און וועגן דעם זאגט מען די ברכה, להכניסו בבריתו של אברהם אבינו, ווייל די מצוה פון ברית מילה האט נאר אברהם אבינו מקיים געווען אלץ גדול, אבער פון יצחק און ווייטער האט מען עס אלץ מקיים געווען נאר אויפן דעת פונעם פאטער, אונז צו לערנען שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך (משלי א-ח), מען זאל נישט אוועקגיין פון די וועגן פון די עלטערן.

**וואונטשט** מען אן, 'כשם שנכנס לברית', אזוי ווי ווען דאס קינד איז אריינגעגאנגען לברית, איז ער דאך נישט אריינגעגאנגען פון זיך אליין, נאר ער איז 'נכנס' לברית, מען האט אים אריינגעפירט. 'כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים', ווען עס קומט צו לערנען, ווען עס קומט אויפצושטעלן א שטוב, זאל מען נישט טון מיטן אייגענעם שכל, און טון ווי אזוי מען פארשטייט היינט, נאר גיין אויף די וועגן פון אונזערע עלטערן, און ממשיך זיין אויף שפעטער די מסורה וואס זיי האבן מקובל פון זייערע אבות.

**מצות** מילה ווערט אנגערופן 'חק', אזוי ווי מען זאגט אין די ברכה, וחק בשארו שם. 'אם בחוקותי תלכו', אויב מען וועט זיך פירן אזוי ווי מען פירט זיך ביי די מצוה פון ברית מילה, וואס איז 'אבת', דארט גייט מען נישט מיטן אייגענעם דעת, נאר מען גייט מיטן דעת פון די עלטערן וואס זיי זענען מכניס בבריתו של אברהם אבינו, אויב אויף דעם וועג וועט אויך זיין דער ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם, זאגט די תורה צו, אז עס וועט קומען די אלע ברכות וואס שטייט שפעטער אינעם פסוק.

**און** מען וואונטשט אן, 'כש"ם שנכנס לברית', די וועלט זאגט, מיטן נאמען וואס מען איז אריינגעגאנגען צום ברית, זאל ער ווייטער אריינגיין לתורה. ביי יודן פירט מען זיך, אז מען גיט א נאמען נאך די עלטערן. פארוואס? כדי מען זאל שטענדיג געדענקן אונזערע אבות. ווען מען רופט דעם קינד מיטן זיידענס נאמען, דערמאנט מען זיך פונעם זיידן, מען דערמאנט זיך ווי אזוי דער זיידע האט אויסגעקוקט, און עס ברענגט צו, אז דעם קינד זאל מען אויך מגדל זיין אויף דעם וועג וואס דער זיידע האט זיך געפירט. דאס קינד ווייסט אויך אז ער הייסט נאכן זיידען, און ער האט א התחייבות זיך צו פירן אויף דעם וועג וואס די אבות האבן זיך געפירט. 'כש"ם שנכנס לברית', אזוי ווי ער איז אריינגעגאנגען לברית מיט דעם נאמען וואס מען גיט נאך די עלטערן, כדי צו ווייזען אז מען איז ממשיך די וועגן פון די אבות, 'כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים', אזוי זאל מען קענען ווייטער אויך ערציען דאס קינד לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ליבערמאן ע"ה (אשת הר"ר **חיים יוסף מאיר ליבערמאן** הי"ו).

***<u>יום שלישי פרשת בהר בחוקותי</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ליכטנשטיין ע"ה (אלמנת הר"ר **נפתלי ליכטנשטיין** ע"ה).

*

***<u>יום רביעי פרשת בהר בחוקותי</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **ישראל וויינגארטן** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל החלאקא של בן הר"ר **מנחם אשר מארקאוויטש** הי"ו (בן הר"ר **שמואל זאנוויל מארקאוויטש** הי"ו, וחתן הרב **חיים יעקב טעננבוים** שליט"א).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **ישראל וויינגארטן** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אותם (ויקרא כו-ג), טייטשט רש"י, אם בחוקותי תלכו, שתהיו עמלים בתורה. זיך פלאגן אויף תורה, רופט אן דער פסוק, אז דאס איז בחוקותי תלכו, אז מען גייט אין די חוקים פונעם אייבערשטען. אין פשטות ליגט עס נישט אינעם פסוק, ווען מען רעדט פון אם בחוקותי תלכו, פון גיין אין די מצות, זאגט מען אז דאס מיינט שתהיו עמלים בתורה? ווען מען פלאגט זיך אויף תורה, זיצט מען אויף איין פלאץ, און מען פלאגט זיך אין לערנען. פארוואס רופט עס דער פסוק אן, אם בחוקותי תלכו, אויב מען וועט גיין אין די חוקים.

**דער** מדרש (ויק"ר לה-א) איז מסמיך א פסוק, וואס דוד המלך זאגט (תהלים קיט-נט), חשבתי דרכי, איך האב איבערגעטראכט מיינע וועגן, ואשיבה רגלי אל עדותיך, און איך האב צוגעברענגט מיינע פוס צו תורה. און מען דארף פארשטיין, נישט די פוס דארף מען צוברענגען צו תורה, נאר די קאפ דארף מען צוברענגען צו תורה. פארוואס האט ער עס אויסגעדרוקט מיט א לשון הליכה, ואשיבה רגלי אל עדותיך.

**איך** האב אמאל געהערט א פשט דערין, מיט א משל. עס איז געווען אמאל א יוד וואס איז ל"ע נישט געווען געזונט, און דער דאקטער האט אים געזאגט, אז ער דארף גיין שפאצירן יעדן טאג א שעה צייט. ער האט געהאט זיין וועג וואו ער איז געגאנגען שפאצירן, ער איז געגאנגען ביז די עק פון די שטאט, און ווען ער איז אנגעקומען צו די עק פון די שטאט, האט ער זיך צוריקגעדרייט און אהיימגעקומען. אמאל איז זיין חבר אדורכגעפארן, און ער זעהט אים שפאצירן, פרעגט ער אים, וואו גייסטו. האט ער אים געזאגט, איך גיי שפאצירן ביז די עק פון די שטאט. זאגט ער אים, פארוואס דארפסטו שפאצירן, זעץ דיך אריין אין די קאר, און איך וועל דיך צוטראגן ביז די עק פון די שטאט. זאגט ער אים, מיין ציל איז נישט אנצוקומען צו די עק פון די שטאט, ווייל ווען איך וועל אנקומען אהין, וועל איך דאך צוריק אהיימגיין, מיין ציל איז דאס שפאצירן אליין, איך מוז גיין דעם וועג אהין און צוריק.

**ווען** מען לערנט תורה, איז אמאל דא, וואס די ציל פון א מענטש איז, אז ער זאל צוקומען אויסצווואקסען א תלמיד חכם. און ווען ער וואלט געקענט אויסוואקסען א תלמיד חכם אן זיך צו פלאגן אויף תורה, ווען עס זאל קומען א מלאך און אים אויסלערנען די תורה, אדער אליהו הנביא וואלט אים אויסגעלערנט די תורה, וואלט ער זיך נישט געפלאגט אויף תורה, ווייל ער וויל נאר צוקומען אז ער זאל זיין א תלמיד חכם. די ציל איז אוודאי צוצוקומען אויסצווואקסען א תלמיד חכם, אבער די תורה איז מחשיב דעם וועג דערצו, דער עמל התורה, דער וועג וואס דו פלאגסט זיך, צו גיין און אנקומען ביז צו דעם ציל וואס דו ווילסט אנקומען, דאס איז די תורה מחשיב. - מען ברענגט צו א לשון (עיין **בפלא יועץ** ערך לימוד), אז דער אייבערשטער רעכנט נישט די דפים, נאר די שעות. עס איז נישט קיין חילוק וויפיל דפים מען איז אנגעקומען, נאר וויפיל פלאג מען האט אריינגעלייגט, און וויפיל צייט עס האט געקאסט.

**ווען** די תורה וויל ארויסברענגען וואס עס מיינט עמלות בתורה, זאגט דער פסוק, עמלות בתורה מיינט נישט כדי דו זאלסט צוקומען צו די נקודה אז דו ביסט אויסגעוואקסען א חכם, נאר אם בחוקותי 'תלכו', עס איז אזוי ווי א מענטש וואס גייט, און ער דארף האבן דעם וועג צו גיין, ווייל דאס גיט אים די כח, אויף דעם צילט ער. נישט נאר אנצוקומען אויף דעם פלאץ, נאר דעם גאנצן וועג אדורכצוגיין ביז ער קומט אן אהין, דאס איז די חשיבות פון עמלות בתורה.

**זאגט** דוד המלך, מיין ציל אין לעבן איז נישט נאר אויסצווואקסען אין תורה, נאר חשבתי דרכי, איך בין מחשיב די וועגן ביז מען קען צוקומען צו תורה, ואשיבה רגלי אל עדותיך, מיין פוס וואס גייען און קומען, ביז מען קומט אן, דאס איז ביי מיר א חשיבות. דאס איז די חשיבות פון די עמלים בתורה, נישט נאר צוצוקומען צו דעם ציל פון לערנען תורה, נאר אפילו מען קומט נישט אן צום ציל, אבער יעדע מינוט וואס א מענטש איז עוסק בתורה, און ער פלאגט זיך אויף תורה, האט דער לימוד התורה א געוואלדיגע חשיבות.

*

***יום חמישי פרשת בהר בחוקותי***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והלך לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם אלי' פירטה** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

***ערב שבת פרשת בהר בחוקותי***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **ישעי' אייגנער** הי"ו (חתן הרה"ג **שמואל בנימין בוים** שליט"א). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה הק' זאגט די וואך נאך די פרשה פון די תוכחה, וזכרתי את בריתי יעקב, ואף את בריתי יצחק, ואף את בריתי אברהם אזכור, אפילו יודען וועלן זיין אין א מצב וואס עס וועט קומען די תוכחה אויף יודען, וועט אבער דער אייבערשטער געדענקען די ברית פון די אבות, והארץ אזכור (ויקרא כו-מב), און דער אייבערשטער וועט אויך געדענקען דאס לאנד ארץ ישראל. דער באשעפער וועט רחמנות האבן אויף יודען אין זכות פון די אבות, און ער וועט זיך מרחם זיין אויף ארץ ישראל.

**עס** קען זיין א ענין אין דעם וואס דער פסוק זאגט והארץ אזכור. מען ווייסט אז ביי א ברית איז דער מנהג, אז מען נעמט די ערלה, און מען לייגט עס אריין אין ערד (שו"ע יו"ד רסה-י). עס שטייט אין **תרגום יונתן** אויפן פסוק (במדבר כג-י) מי מנה עפר יעקב, אז עס גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה, וואס מען איז טומן בעפר. וואס איז דער קשר, אז בשעת מען מאכט א ברית, נעמט מען די ערלה, און מען לייגט עס אריין בעפר.

**די** מדה פון ענוה איז די חשוב'סטע מדה פון אלע מדות. דער אייבערשטער האט מקרב געווען משה רבינו דאס מערסטע פון גאנץ כלל ישראל, דער באשעפער האט געריהמט משה רבינו מיט די מדה, והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (שם יב-ג). די מדה פון ענוה, וואס דער מענטש שטאלצירט נישט מיט זיינע מעשים, איז ביים אייבערשטען די חשוב'סטע מדה וואס איז דא. אזוי שטייט אין די גמרא (חולין פט.), לא מרובכם מכל העמים חשק ה' בכם ויבחר בכם, כי אתם המעט מכל העמים (דברים ז-ז), דער אייבערשטער זאגט פאר יודען, חושקני בכם, שאפילו בשעה שאני משפיע לכם גדולה, אתם ממעטים עצמיכם. די חשק וואס דער אייבערשטער האט צו יודען איז, ווייל יודען האבן די מדה פון ענוה, און דאס ברענגט א ליבשאפט פונעם אייבערשטען צו כלל ישראל.

**מען** זאגט יעדן טאג ביים דאווענען (בתפלת אלקי נצור), ונפשי כעפר לכל תהיה, אונזער נפש זאל זיין אזוי ווי עפר. עפר ווייזט אויף ענוה. אויף עפר טרעט יעדער איינער, און דער עפר מאכט זיך נישט צוטון, ער טוט זיך נישט באליידיגן, און ער צאלט נישט צוריק פארן מענטש, נאר ער איז מוציא פירות, ער גיט פאר יעדן איינעם צו עסן. ונפשי כעפר לכל תהיה, דער נפש פון א מענטש דארף זיין אזוי ווי דער עפר. אפילו מען באליידיגט אים, אפילו מען טוט זאכן וואס איז נישט לרצונו, פון דעסטוועגן דאך דארף עס אים נישט שטערן, און ער דארף ווייטער טון וואס ער דארף צו טון. - ווען א יוד גייט אריין בבריתו של אברהם אבינו, וואס דאס איז די ערשטע מצוה וואס מען איז מקיים, מען נעמט אויף זיך עול תורה און עול מצות מיט מסירת נפש. דארף מען עס טומן זיין בעפר, צו ווייזן אז ווען מען גייט אריין בבריתו של אברהם אבינו, זאל מען נישט מחשיב זיין וואס מען טוט, און מען זאל וויסען די חשיבות פון די מדה פון ענוה. מען נעמט די ערלה, און מען לייגט עס אריין בעפר, צו ווייזען ונפשי כעפר לכל תהיה.

**וועגן** דעם זאגט דער אייבערשטער, אפילו ווען יודען וועלן זיין אין אזא מצב, וואס עס דארף קומען די תוכחה, אבער והארץ אזכור, דער אייבערשטער וועט געדענקען דאס אז יודען זענען שטענדיג אין די בחינה פון ארץ. דער ארץ לאזט זיך טרעטן, און יודען לאזן זיך אויך טרעטן. און אין דעם זכות וואס יודען האבן די מדה פון ענוה, אין דעם זכות וועט דער אייבערשטער העלפן פאר יודען.

*

***שבת קודש פרשת בהר בחוקותי***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יחזקאל שרגא זאב שפיערער** הי"ו, ולבת הנולדה אצל הר"ר **מרדכי אנשיל לאקס** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.